# דער חיוב פון קינדער אין מצוות

אמור | ואתחנן | עקב | ראה

חינוך הקטן / תלמוד תורה / ברכת המזון / סוכה / שכרן של נשים בת"ת
הכשר מצוה / מסייע למצוה / חיוב מדרבנן / חיוב מדאורייתא

לע"נ זאב ארי' ע"ה בן יבלחט"א שניאור זלמן גליק

אין הלכות תלמוד תורה[1] זאָגט דער רמב"ם ..." מי שלא למדו אביו חייב ללמוד כשיכיר שנאמר ולמדתם אותם ושמרתם לעשות" (איינער וואָס זיין פאָטער האָט מיט אים ניט געלערנט תורה, איז חייב צו אַליין לערנען ווען ער ווערט אַביסל עלטער, ווי עס שטייט אין פסוק "ולמדתם אותם ושמרתם לעשות" אַז איידער מעשה המצוות מוז פריער לערנען).

דער צמח צדק[2] איז מדייק: פון דעם וואָס עס שטייט ניט "כשיגדיל" - ווען ער ווערט בר מצוה, נאָר "כשיכיר," וואָס מיינט ווען ער קומט אָן צו דער עלטער פון "הכרה," אַז ער קען "פאַרשטיין" וואָס ער לערנט, וואָס דאָס איז דאָך נאָך פאַר בר מצוה - "שמא גם על הקטן יש חיוב מדאורייתא" (אפשר איז אויך אויף אַ קטן פאַראַן  דער חיוב פון לימוד התורה מדאורייתא).

דאַרף מען פאַרשטיין: ווי איז שייך אַ "חיוב" אויף אַ קטן?!

ב על דרך זה געפינט מען אין אַן אַנדער אָרט: עס איז פאַראַן אַ באַוואוסטע מחלוקת ראשונים אין דעם גדר פון מצוות וואָס אַ קטן איז מחוייב אין זיי מצד חינוך:

אין גמרא ברכות[3] ווערט געבראַכט אַ מעשה אַז ר' שמעון בן שטח האָט געבענטשט ברכת המזון און אויך מוציא געווען ינאי המלך וחביריו, כאָטש אַז ר' שמעון בן שטח איז געווען חייב אין ברכת המזון מדרבנן און זיי זיינען געווען חייב מדאורייתא.

פרעגט רש"י[4]: ווי קען איינער וואָס איז פטור מדאורייתא מוציא זיין איינעם וואָס איז חייב מדאורייתא, דער כלל איז דאָך אַז נאָר איינער וואָס איז חייב בדבר קען מוציא זיין אַ צווייטן וואָס איז חייב אין די זעלבע זאַך?!

1. פרק א' הלכה ג'
2. פסקי דינים חידושים על הרמב"ם בתחלתו
3. מח, א
4. ד"ה עד שיאכל

ענטפערט רש״י אַז כאָטש אַז ער איז מחוייב נאָר מדרבנן פונדעסטוועגן ״מחוייב בדבר קרינן בי״״ (ער ווערט גערעכנט אַ מחוייב בדבר) און ער קען מוציא זיין אַ צווייטן אפילו אויב ער איז מחוייב מדאורייתא. פרעגט רש״י ווייטער, פריער[5] איז משמע אַז אַ קטן קען ניט מוציא זיין אַ גדול, כאָטש אַז לכאורה איז אַ קטן חייב מדרבנן מצד חינוך?

ענטפערט רש״י ״ההוא אפילו מדרבנן לא מיחייב דעלי׳ דאבוה הוא דרמיא לחנוכיה״ (ביי אַ קטן איז דאָס ניט זיין חיוב מדרבנן, נאָר דער פאָטער האָט אַ חיוב מדרבנן צו מחנך זיין זיין זון.)

תוספות[6] קריגט אויף רש״י און האַלט אַז אַ קטן קען יאָ מוציא זיין אַ גדול אין זיין חיוב, אויב נאָר דער גדול איז מחוייב מדרבנן. וויבאַלד אַז דער קטן און דער גדול זיינען ביידע חייב מדרבנן האָבן זיי דעם זעלבן חיוב, במילא קען דער קטן מוציא זיין דעם גדול.

קומט אויס, אַז לויט רש״י ווען אַ קטן איז מקיים אַ מצוה צוליב חינוך, ווערט עס בכלל ניט גערעכנט ווי ער איז מקיים אַ מצוה.

לויט תוספות אָבער, ווערט עס יע גערעכנט אַז דער קטן איז מקיים אַ מצוה מדרבנן.

די נפקא מינה צווישן די צוויי שיטות איז, אויב אַ קטן קען מוציא זיין אַ גדול אין זיין חיוב מדרבנן.

דער רמב״ם פסק׳נט להלכה[7] ווי דעת התוספות, אַז אַ קטן קען יע מוציא זיין אַ גדול, אויב נאָר דער גדול איז מחוייב מדרבנן.

וואָס פון דעם זעט מען די שיטה פון רמב״ם, אַז אַ קטן וואָס איז מחוייב אין אַ מצוה מצד חינוך ווערט עס גערעכנט אַז דאָס איז זיין אייגענער חיוב.

5. כ, ב
6. ד״ה עד שיאכל
7. הלכות ברכות פרק ה׳ הלכות ט״ו-ט״ז

וואָס אויך דאָ דאַרף מען פאַרשטיין: ווי איז שייך אַ חיוב אויף אַ קטן, און עד כדי כך אַז ער זאָל קענען מוציא זיין אַ גדול!?

ג וועט מען דאס פאַרשטיין דורך מקדים זיין דער ענין פון "מכשירי מצוה":

דער תלמוד ירושלמי[8] האַלט אַז ווען איינער בויט אַ סוכה אָדער בינדט אַ לולב מאַכט ער די ברכה "אשר קדשנו במצוותיו וציונו לעשות סוכה" אָדער "לעשות לולב."

לכאורה איז דאָס ניט פאַרשטאַנדיק: אין דער תורה איז ניטאָ קיין ציווי אויף בויען אַ סוכה אָדער בינדן אַ לולב, נאָר, צו זיצן אין אַ סוכה און צו נעמען דער לולב, איז ווי קען מען מאַכן אַ ברכה "וציונו לעשות סוכה!?"

נאָר דער ביאור אין דעם איז, אַז ווען מען דאַרף עפּעס טאָן אַלס הכנה און הכשרה בכדי אַז מ'זאָל קענען מקיים זיין די מצוה, ווערט דאָס אַזוי ווי אַ חלק פון די מצוה.

> די הלכה איז אָבער ווי דער תלמוד בבלי אַז מען מאַכט ניט קיין ברכה, ווייל לפועל איז דאָס ניט די מצוה אַליין. אָבער פונדעסטוועגן איז אויך דער בבלי מודה אַז עס ווערט גערעכנט אַלס אַ חלק פון די מצוה, ווי מען געפינט אין אַ סך ערטער אַז אויך די הכנה צו אַ מצוה ווערט אָנגערופן בלשון "מצוה." ולדוגמא, אין מסכת מנחות[9] ווערט געבראַכט בנוגע עשיית התפילין "וכל מצוה דעשייתה לאו גמר מצוה אין צריך לברך" (אַ מצוה וואָס איז ניט דער גמר המצוה מאַכט מען ניט קיין ברכה). זעט מען אַז די גמרא רעכנט עשיית התפילין אַלס אַ מצוה, נאָר עס איז ניט גמר המצוה.

אַזוי ווי דאָס איז בנוגע צו מכשירי מצוה, אַזוי איז דאָס אויך בנוגע צו אַ מענטש וואָס איז מסייע אַ צווייטן צו מקיים זיין אַ מצוה.

8. ברכות פרק ט' הלכה ג'
9. מב, ב

לדוגמא, עס ווערט געבראַכט אין אַלטן רבי'נס שולחן ערוך אין הלכות תלמוד תורה[10] אַז איינער וואָס קען ניט לערנען אַ גאַנצן טאָג, זאָל צאָלן אַז אַנדערע זאָלן לערנען, און עס ווערט גערעכנט "כאילו הוא למד כן בעצמו" (ווי ער האָט אַליין געלערנט!)

נאָכמער, מען געפינט אַז אפילו נשים - וואָס זיינען ניט מחוייב אין מצות תלמוד תורה - ווען זי העלפט איר מאַן אָדער איר זון אין מצות תלמוד תורה, באַקומט זי שכר!

ווי דער אַלטער רבי פסק'נט אָפּ אין שולחן ערוך[11] "אם היא עוזרת לבנה או לבעלה בגופה ומאודה שיעסוק בתורה חולקת שכר עמהם ושכרה גדול מאחר שהם מצווים ועושים על ידה" (אויב זי העלפט איר זון אַדער איר מאַן . . ער זאָל עוסק זיין בתורה, באַקומט זי אַ חלק פון זייער שכר, וויבאַלד אַז זיי זיינען מצווים (אָנגעזאָגט) און זיי לערנען תורה נאָר דורך איר!)

דער אמת איז אַז מען געפינט אין דעם נאָך אַ העכערן אופן, ובהקדים: אפילו לויט דער ירושלמי וואָס מען מאַכט יאָ אַ ברכה אויף אַ הכשר מצוה, איז אָבער די ברכה ניט די זעלבע ברכה ווי אויף די מצוה אַליין, מען מאַכט ניט די ברכה "לישב בסוכה," נאָר "לעשות סוכה."

און דער ביאור אויף דעם איז, ווייל סוף כל סוף איז ער ניט מקיים די מצוה פון זיצן אין סוכה. נאָר וויבאַלד אַז מען דאַרף זיצן אין סוכה דאַרף מען דאך פריער בויען אַ סוכה. און וויבאַלד אַז מען מוז אָנקומען צו די הכנה, ווערט דאָס בדרך ממילא גערעכנט אַלס אַ מצוה, אָבער ניט ממש די זעלבע מצוה.

דאָס איז דער חידוש אין מצות חינוך, די מצוה אויפן פאָטער איז אַז דער אב דאַרף מחנך זיין בנו, דער קיום המצוה פון דעם בן איז אַ חלק פון די מצוה אַליין, ער איז דער וואָס ווערט נתחנך! אָן דער בן קען

10. פרק ג' סעיף ד'
11. הלכות תלמוד תורה סוף פרק א'

דער טאַטע ניט מקיים זיין זיין מצוה פון מחנך זיין בנו, און נאָכמער די גאַנצע מצוה איז אינגאַנצן ניט שייך!

דאָס הייסט, ווען איז דער אב מקיים די מצוה פון חינוך, דוקא ווען דער בן איז מקיים די מצוה מיט וועלכע מען איז אים מחנך. דעריבער האָט זיין קיום המצוה פונקט אַזוי פיל חשיבות ווי די מצוה פון דעם אב.

ה לויט דעם קען מען פאַרשטיין די שיטה פון תוספות און רמב"ם אַז עס איז שייך אַז אַ קטן זאָל קענען מוציא זיין אַ גדול אין ברכת המזון:

וויבאַלד אַז אַ קטן איז חייב אין ברכת המזון מצד חינוך - וואָס דאָס איז אַ מצוה אויפן פאָטער מדרבנן, קומט אויס (ווי פריער ערקלערט) אַז זיין מצוה איז באמת אַ חלק פון זיין טאַטן'ס מצוה און האָט די זעלבע חשיבות ווי מצוות האב (ווען דער אב איז חייב נאָר מדרבנן), און דעריבער קען אַ קטן מוציא זיין אַ גדול אין זיין מצוה (מדרבנן) פון ברכת המזון.

ביז יעצט האָט מען גערעדט מצד מצוות חינוך וואָס איז מדרבנן, ס'איז דאָ אַ גרעסערע חידוש, אַז דער כלל געפינט מען אפילו בנוגע מצוות דאורייתא: בנוגע צו חיוב שמחת יום טוב פאַר פרויען, איז דאָ אַ מחלוקת צווישן רש"י און תוספות, רש"י[12] האַלט אַז דער חיוב איז נאָר אויף דער בעל צו משמח זיין את אשתו. תוספות (שם) זאָגט דאָרטן אַז וויבאַלד אַז בעלה איז איר משמח דורך דעם וואָס זי האָט אַ חלק אין עסן די שלמי שמחה ווערט עס גערעכנט ווי איר חיוב.

דאָס איז אויך דער ביאור אין דעם וואָס דער צמח צדק לערנט אין דעם רמב"ם בנוגע דער חיוב פון אַ קטן אין תלמוד תורה, וזה לשונו:

"מיהו יש לומר כיון דתלמוד תורה לא דמי לשאר מצוות, דבשאר מצוות אין האב מחוייב לחנך בנו מדאורייתא אלא מדברי סופרים. אבל בתלמוד תורה מחוייב האב מדאורייתא ללמוד את בנו כמו שכתב אאזמו"ר ריש פרק א' מהלכות תלמוד תורה, אם כן שמא גם על הקטן

12. ראש השנה ו, ב

יש חיוב מדאורייתא" (מען קען זאָגן - בכדי צו מבאר זיין ווי איז שייך אַ חיוב תלמוד תורה מדאורייתא אויפן קטן - וויבאַלד אַז ת"ת איז ניט ענלעך צו אַנדערע מצוות, וואָס ביי זיי איז דאָ נאָר אַ חיוב מדרבנן צו מחנך זיין, אָבער במצות ת"ת איז דאָ אַ חיוב חינוך מדאורייתא, ווי דער אַלטער רבי שרייבט אין הלכות ת"ת אין אָנהויבס פרק א.' אויב אַזוי קען זיין אַז אויך אויף אַ קטן איז פאַראַן אַ חיוב ת"ת מדאורייתא!)

דער ביאור אין דעם איז, ווי פריער ערקלערט בנוגע צו מצוות וואָס אַ קטן האָט אויף זיי אַ חיוב מצד חינוך וואָס איז מדרבנן, - באַקומט זיין מצוה די זעלבע חשיבות ווי אַ מצוה דרבנן פון אַ גדול, איז אָט דאָ איז פאַראַן אַ גרעסערע חידוש: וויבאַלד אַז ביי מצות ת"ת איז דער חיוב החינוך מדאורייתא, באַקומט זיין חיוב בדרך ממילא די זעלבע חשיבות ווי מצות ת"ת פון אַ גדול וואָס איז מדאורייתא!

ן פון דעם קען מען אָפּלערנען אַ וויכטיקע הוראה, אויף וויפיל ס'איז חשוב דער ענין החינוך: ווען אַ קטן איז מקיים אַ מצוה אין וועלכע מען האָט אים מחנך געווען, באַקומט דער קטן אַ חשיבות פון אַ מקיים מצוות! און נאָכמער, ווען מען לערנט מיט אים תורה ווערט ער אַ מציאות וואָס איז פאַרבונדן מיט תורה.

פון דעם זעט מען דער גודל המעלה און חשיבות פון חינוך, וואָס דורך דעם טוט מען אויף, אַז דער קטן זאָל ווערן אַ נייע מציאות.

על פי ליקוטי שיחות חלק י"ז פרשת קדושים שיחה ד'

# קיצור לחזרה

1. רמב"ם, יש חיוב על קטן ללמוד תורה. צ"צ - שזה מדאורייתא. וצ"ב איך שייך חיוב על קטן?

2. גם בנוגע לברכת המזון קטן יכול להוציא המחוייב מדרבנן - למה?

3. מכשירי מצוה הם חלק של המצוה, וכן באדם המסייע לקיום המצוה כמו נשים בתלמוד תורה.

4. חידוש בחינוך שהבן הוא חלק של מצות האב.

5. לפיכך יכול להוציא ברכהמ"ז מדרבנן, ובת"ת שלהם יש חשיבות של דאורייתא.

6. הוראה בחשיבות החינוך.